# משיחת

כבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

**וא״ו תשרי, ה׳תשל״א**

יוצא-לאור לש״פ וילך, שבת שובה, וא״ו תשרי, ה׳תשי״פ

יוצא לאור על ידי מערכת

„אוצר החסידים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ותשע לבריאה

שנת השבעים לנשיאות כ״ק אדמו״ר זי״ע

בס"ד.

# פתח דבר

לקראת ש"פ וילך, שבת שובה, יום ההילולא וא"ו תשרי הבעל"ט, הננו מוציאים לאור חלק משיחת וא"ו תשרי ה'תשל"א* שהוגהה בשעתו, והגיעה לידינו לאחרונה.

*

לחביבותא דמילתא, באה פאקסמיליא (מוקטנת מגדלה המקורי) מעלי ההגהה.

*

ויה"ר שנזכה תיכף ומיד ממש לקיום היעוד "הקיצו ורננו גו'", ומלכנו נשיאנו בראשם, וישמיענו נפלאות מתורתו, "תורה חדשה מאתי תצא".

**ועד הנחות בלה"ק**

כ"ט אלול, ערב ראש השנה ה'תש"פ,
שנת השבעים לנשיאות כ"ק אדמו"ר זי"ע,
ברוקלין, נ.י.

---

*) ההתוועדות בשלימותה, נדפסה בתורת מנחם — התוועדויות כרך סב ע' 49 ואילך.

©
Published and Copyright 2019 by
**LAHAK HANOCHOS INC.**
788 Eastern Parkway Suite #408 | Brooklyn, New York 11213
Tel. (718) 604-2610
info@lahak.org • http://www.lahak.org
The Kehot Logo is a registered trademark of Merkos L'inyonei Chinuch.
5779 • 2019
*Printed in the United States of America*

נסדר והוכן לדפוס
על ידי חיים שאול בן חנה
**בדפוס „ועד הנחות בלה"ק"**
(718) 604-2610

נדפס באדיבות דפוס
The PrintHouse
538 Johnson Ave. Brooklyn N.Y. 11237
(718) 628-6700

נדפס בסיוע ולזכות יצחק בן לאה וזוגתו רבקה ויקה בת רחל ומשפחתם שיחיו

אין דער התוועדות פון ו׳ תשרי (דער יאָהרצייט פון הרבנית הצדקנית מרת חנה שניאורסאהן, די מוטער פון — יבלח״ט — דעם ליובאַוויטשער רבי׳ן שליט״א), האָט דער רבי שליט״א מעורר געווען אַז יום כיפור, זאָלן רבנים, מדריכים רוחניים וכו׳ אויפקלערן די גרויסע סכנה וואָס עס שטעקט אין דער גזירה בנוגע צו ״מיהו יהודי״ און מעורר זיין די מאַסן, אַז יעדערער זאָל טאָן וואָס מעגליך בכדי צו מבטל זיין די שרעקליכע גזירה.

דער טאָג פון יוהכ״פ, ווערט אָנגערופן אין משנה (סוף מסכת תענית) ״יום חתונתו זה מתן תורה״ — דער טאָג ווען דער אויבערשטער האָט ״חתונה״ געהאַט מיט אידן דורך געבן זיי די תורה. וואָרום כאָטש אַז מ״ת איז פאָרגעקומען דעם זעקסטן טאָג סיון, זיינען אָבער די לוחות שניות (וועלכע זיינען פאַרבליבן גאַנץ) געגעבן געוואָרן אין טאָג פון יוהכ״פ. (אויך די תקיעה וואָס מען בלאָזט יוהכ״פ נאָך נעילה איז אַ דערמאָנונג צום ״במשוך היובל״ (שופר) וואָס איז געווען ביי מ״ת (או״ח סו״ס תרכ״ג)).

און דעריבער דאַרף אין דעם דאָזיקען טאָג פון יוהכ״פ דערמאָנט ווערן איינער פון די הויפּט פונקטן פון מ״ת — דער ״ובנו בחרת מכל עם״ וואָס האָט זיך דאַן אויפגעטאָן.

אייגענטליך, איז אין טאָג פון יוהכ״פ, ווען עס זיינען געגעבן געוואָרן די צווייטע לוחות, האָט זיך דער ״ובנו בחרת מכל עם״ אויסגעדריקט נאָך שטאַרקער און טיפער, ווי אינעם טאָג פון ששי בסיון, ווען עס זיינען געגעבן געוואָרן די ערשטע לוחות: בעת עס זיינען געגעבן געוואָרן די ערשטע לוחות, זיינען די אידן — ווי ערשט געבאָרן געוואָרן און געוואָרן אידן (יבמות מו, סע״א ואילך) ״כקטן שנולד״, ובמילא, האָבן זיי נישט געהאַט אויף זיך קיין פלעק מצד מעשים פון פריער — זיי זיינען געווען צדיקים; דאַקעגן, די נתינה פון די צווייטע לוחות, איז פאָרגעקומען לאחרי ווי די אידן זיינען דורכגעפאַלן אין אַ גאָר האַרבן חטא (דער חטא העגל), און דאָך, איז אינעם טאָג פון יוהכ״פ האָט זיי דער אויבערשטער מוחל געווען אויף דעם, און געגעבן זיי ווידער אַמאָל די לוחות. דאָס הייסט אַז אינעם טאָג פון יוהכ״פ, האָט זיך דער ״ובנו בחרת מכל עם״ אויסגעדריקט אין דער שטאַרקסטער מאָס, אַז יעדער איד, אפילו אַזאַ וואָס איז דורכגעפאַלן אין אַ גאָר האַרבן חטא, איז ער

אין כלל פון "עם הנבחר" און איז אויסדערוויילט פון אויבערשטן "מכל עם", אויך פון חסידי אומות העולם; אויך צו חסידי אומות העולם איז ניט געגעבן געוואָרן די תורה מיט אירע תרי"ג מצות, אָבער יעדער איד אויך דער דאָזיקער איד איז מחוייב צו לערנען תורה און מקיים זיין אַלע אירע מצוות.

דער רבי שליט"א האָט מסיים געווען, אַז אין דעם טאָג פון יוהכ"פ זאָל מען מסביר זיין צו די ברייטע אידישע מאַסן, אַז בשום אופן טאָר מען נישט זיין גלייכגילטיק צו דער שרעקליכער גזירה בנוגע צו "מיהו יהודי", וואָס לייקענט ר"ל די קלאָרע הלכה פון דער תורה, וויל מהרס זיין דעם אויבערשטענס "המבדיל בין ישראל לעמים" און איז אַ גרויסע סכנה פאַר פערצן מיליאָן אידן כן ירבו,

(נוסף צו דעם, טוט מען דערמיט אַ רעה, אַ לעבענסלענגליכע רעה די גוים וואָס מען נאַרט זיי אָפּ און מען שמועסט זיי איין אַז זיי זיינען געוואָרן אידן, — בעת אַז אין אמת'ן זיינען זיי געבליבן פּונקט ווי פריער, וואָרום דער אומבייט פון אַ גוי צו אַ איד קען זיין נאָר דורך דעם וועג וואָס דער המבדיל בין ישראל לעמים, דער אויבערשטער, האָט אָנגעוויזן אין זיין תורה, נאָר דורך "גירות כהלכה").

און בשעת מען וועט פאָדערן מיט אַ תוקף צו אָפּשאַפן די דאָזיקע גזירה (דורך צוגעבן דעם וואָרט "כהלכה"), וועט מען זיכער מצליח זיין,

און דאָס וועט ברענגען, אַז גאָר אין גיכן, וועט מקוים ווערן די בקשה וואָס אידן בעטן ר"ה און יוהכ"פ: תן כבוד ה' לעמך שמחה לארצך וששון לעירך (ירושלים), און די גאַנצע וועלט וועט אַנערקענען אַז "ה' אלקי ישראל מלך ומלכותו בכל משלה", אין דער גאולה האמיתית והשלימה, דורך משיח צדקנו, בקרוב ממש.

בס"ד.

אין דער התוועדות פון ו' תשרי (דער יאהרצייט פון הרבנית הצדקנית מרת חנה שניאורסאהן, די מוטער פון - יבל"חט -- דעם ליובאוויטשער רבי'ן שליט"א), האט דער רבי שליט"א מעורר געווען אז יום כיפור, זאלן רבנים, מדריכים וכו' אויפקלערן די גרויסע סכנה וואס עס שטעקט אין דער גזירה בנוגע צו „מיהו יהודי" און מעורר זיין די מאסן, אז יעדערער זאל טאן וואס מעגליך בכדי צו מבטל זיין די שרעקליכע גזירה.

דער טאג פון יו"כ, ווערט אנגערופן אין משנה (סוף מסכת תענית) "יום חתונתו זה מתן תורה" - דער טאג ווען דער אויבערשטער האט "חתונה" געהאט מיט אידן דורך געבן זיי די תורה. ווארום כאטש אז מ"ת איז פארגעקומען דעם זעקסטן טאג סיון, זיינען אבער די לוחות <u>שניות</u> (וועלכע זיינען פארבליבן גאנץ) געגעבן געווארן אין טאג פון יו"כ. (אויך די תקיעה וואס מען בלאזט יו"כ נאך נעילה איז א סימבאל צום "במשוך היובל" (שופר) וואס איז געווען ביי מ"ת (או"ח סו"ס תרכ"ג)).

און דעריבער דארף דעם דאזיקן טאג פון יו"כ אויסגענוצט ווערן אויך צו דערמאנען און מעורר זיין אויף דעם הויפט פונקט פון מ"ת - און דאס איז דער "אתה בחרתנו מכל העמים" וואס האט זיך דאן אויפגעטאן.

אייגענטליך, איז אין טאג פון יו"כ, ווען עס זיינען געגעבן געווארן די <u>צווייטע</u> לוחות, האט זיך דער "אתה בחרתנו מכל העמים" אויסגעדריקט פיל שטארקער און טיפער, ווי אינעם טאג פון ששי בסיון, ווען עס זיינען געגעבן געווארן די ערשטע לוחות: בעת עס זיינען געגעבן געווארן די ערשטע לוחות, זיינען די אידן געווען אזוי ווי גרים (יבמות מו, סע"א) וואס "גר שנתגייר כקטן שנולד", ובמילא, האבן זיי נישט געהאט אויף זיך קיין פלעק מצד זייערע מעשים וואס זיי האבן געטאן פריער - זיי זיינען געווען <u>צדיקים</u>; דאקעגן, די נתינה פון די צווייטע לוחות, איז פארגעקומען לאחרי ווי די אידן זיינען דורכגעפאלן אין א גאר א הארבן חטא (דער חטא העגל), און דאך, איז אינעם טאג פון יו"כ האט זיי דער אויבערשטער מוחל געווען אויף דעם, און געגעבן זיי ווידער אמאל די לוחות. (הייסט עס דאן אז אינעם טאג פון יו"כ, האט זיך דער "אתה בחרתנו מכל העמים" אויסגעדריקט אין דער

שטארקסטער מאס, אז יעדער איד, אפילו אזא וואס איז דורכגעפאלן אין א גאר הארבן חטא, איז ער אין כלל פון "עם הנבחר" און איז אויסדערוויילט פון אויבערשטן "מכל העמים", אויך פון חסידי אומות העולם; אויך חסידי אומות העולם טארן ניט לערנען קיין תורה, און דער דאזיקער איד איז מחויב צו לערנען תורה און מקיים זיין אלע אירע מצוות.

דער רבי שליט"א האט מסיים געווען, אז דעם טאג פון יו"כ זאל אויסגענוצט ווערן אויך צו מסביר זיין צו די ברייטע אידישע מאסן, אז מען טאר נישט בשום אופן זיין גלייכגילטיק צו דער שרעקליכער גזירה בנוגע צו "מיהו יהודי", וואס ליקענט אין דעם "אתה בחרתנו מכל העמים", און איז א גרויסע סכנה פאר פערצן מיליאן אידן כן ירבו.

(נוסף צו דעם, מען טוט דערמיט א רעה די גוים וואס מען נארט זיי אפ און מען שמועסט זיי איין אז זיי זיינען געווארן אידן, - בעת אז אין אמת'ן זיינען זיי געבליבן גוים ווי פריער, ווארום דער אומבייט פון א גוי צו א איד קען זיין נאר דורך "גירות כהלכה" ווי דער אויבערשטער האט אנגעוויזן אין זיין תורה).

און בשעת מען וועט פאדערן מיט א תוקף צו אפשאפן די דאזיקע גזירה (דורך צוגעבן דעם ווארט "כהלכה"), וועט מען זיכער מצליח זיין,

און דאס וועט ברענגען, אז גאר אין גיכן, וועט מקוים ווערן די בקשה וואס אידן בעטן ר"ה, אז די גאנצע וועלט וועט אנערקענען אז "ה' אלקי ישראל מלך ומלכותו בכל משלה", אין דער גאולה האמיתית והשלימה, דורך משיח צדקנו, בקרוב ממש.

בס"ד.

— תרגום חפשי —

בהתוועדות של ו' תשרי (ה"יאָרצייט" של הרבנית הצדקנית מרת חנה שניאורסאהן, אמו של — יבלח"ט — כ"ק אדמו"ר שליט"א), עורר הרבי שליט"א אודות יום הכיפורים, שרבנים, מדריכים רוחניים וכו', יסבירו את הסכנה הגדולה שטמונה בגזירה בנוגע ל"מיהו יהודי", ולעורר את הציבור, שכל אחד יעשה כל האפשרי בכדי לבטל את הגזירה הנוראה.

(ובין הדברים אמר:)

יום הכיפורים נקרא במשנה (סוף מסכת תענית) "יום חתונתו זה מתן תורה" — היום שבו היתה ה"חתונה" של הקב"ה עם בנ"י ע"י שנתן להם את התורה. כי, אע"פ שמ"ת הי' ביום הששי בסיון, הרי הלוחות השניות (שנשארו בשלימות) ניתנו ביום הכיפורים. (גם התקיעה שתוקעים ביו"פ לאחרי נעילה היא זכרון ל"במשוך היובל" (שופר) שהי' במ"ת (או"ח סו"ס תרכ"ג)).

ולכן צריך להיות ביום הכיפורים הזכרון של א' הנקודות העיקריות של מ"ת — "ובנו בחרת מכל עם" שנפעל אז.

ולהעיר, שביום הכיפורים, שבו ניתנו לוחות שניות, הודגש הענין ש"בנו בחרת מכל עם" בחוזק ועומק יותר מאשר ביום ששי בסיון, כשניתנו הלוחות הראשונות:

בעת שניתנו הלוחות הראשונות, היו בנ"י כמי שזה עתה נולדו ונעשו יהודים (יבמות מו, סע"א ואילך), "כקטן שנולד", ובמילא לא הי' עליהם רבב כלשהו מצד מעשים שלפנ"ז — הם היו צדיקים; ולעומת זאת, היתה נתינת לוחות שניות לאחרי שבנ"י נכשלו בחטא חמור ביותר (חטא העגל), ואעפ"כ, ביום הכיפורים מחל להם הקב"ה על זה, וחזר ונתן להם את הלוחות.

והיינו, שביום הכיפורים התבטא הענין ש"בנו בחרת מכל עם" במדה הכי חזקה — שכל יהודי, אפילו מי שנכשל בחטא חמור ביותר, הוא בכלל "עם הנבחר" ע"י הקב"ה "מכל עם", גם מחסידי אומות העולם; גם לחסידי אומות העולם לא ניתנה התורה עם תרי"ג מצוותי', ואילו כל יהודי, גם יהודי הנ"ל, מחוייב ללמוד תורה ולקיים את כל מצוותי'.

הרבי שליט"א סיים, שבמשך יום הכיפורים יש להסביר לציבור היהודי הרחב, שאסור בשום אופן להיות אדיש לגזירה הנוראה בנוגע ל"מיהו יהודי", שמכחישה ר"ל את ההלכה הברורה של התורה, ורוצה להרוס את פעולתו של הקב"ה "המבדיל בין ישראל לעמים", ומהוה סכנה גדולה עבור 14 מליון יהודים כן ירבו,

(ונוסף לזה, גורמים בכך רעה, רעה לאורך כל החיים, לגוים שמרמים אותם שהם נעשו יהודים, בה בשעה שבאמת נשארו בדיוק כמקודם, כיון שהשינוי מגוי ליהודי יכול להיות רק ע"י הדרך שהקב"ה, המבדיל בין ישראל לעמים, הורה בתורתו — רק ע"י "גירות כהלכה").

וכאשר ידרשו בתוקף לבטל גזירה זו (ע"י הוספת תיבת "כהלכה"), בודאי יצליחו.

ועי"ז תקויים בקרוב ממש הבקשה שבני ישראל מבקשים בראש השנה ויום הכיפורים: תן כבוד ה' לעמך .. שמחה לארצך וששון לעירך (ירושלים), ושכל העולם יכיר ש"ה' אלקי ישראל מלך ומלכותו בכל משלה", בגאולה האמיתית והשלימה, ע"י משיח צדקנו, בקרוב ממש.

**לזכרון**

הצדקנית הרבנית מרת **חנה** ע"ה **שניאורסאהן**

בת הצדקנית הרבנית מרת **רחל** ע"ה

ובת הרה"ג הרה"ח ר' **מאיר שלמה** ע"ה

נפטרה ביום השבת קודש, ו' דעשי"ת, בעלות המנחה

שנת ה'תשכ"ה

**ת' נ' צ' ב' ה'**

אמו של כ"ק אדמו"ר זי"ע

נדפס על ידי ולזכות

**יוסף יצחק הכהן** בן **רישא** וזוגתו **נחמה דינה** בת **מלכה רייזל**

**מנחם מענדל** בן **עליא שושנה** וזוגתו **רחל פייגא** בת **מרים שפרינצא**

**שלום דובער** בן **רבקה נעמי** וזוגתו **אסתר** בת **מרים**